# בית־יעקב

ליטעראַרישע שריפטן פאַר שול און היים

דינט די ענינים פון בית־יעקב שולן און אָרגאַניזאַציעס בנות אגודת־ישראל אין פוילן

רעדאַקטירט דורך א"ג פרידנזאָן

## אָנדענק־העפט לכבוד שרה שענירער ע"ה


**תוכן:** **א"ג פרידנזאָן:** אידעאַליזם, **יהודה לייב אָרלעאַן:** שרה שענירער – אַ פּראָגראַם, **הרב שמואל דוד לאַסקי:** נח, איוב און דניאל, **ד"ר ש. דייטשלענדער:** שרה שענירער און בית־יעקב, **ד"ר נ. בירנבוים:** אַ זכי׳ אויף אונדזער דור, **ד"ר שלמה בירנבוים:** אשה אדער פרי, התלהבות, דער כלל, **בנימין זוסמאַן:** אַזוי האָט גילעבט שרה שענירער, **הלל זיידמאַן:** ...אינים שאָטן פון טויט, **שהה פעסאַ וטמאַרגן:** זי האָט מנצח געווען, **ד"ר בן־ציון פעסלער:** הספד־רעפלעקסן, **יהודית בוימינגער:** גדלות און ענוות, **גיטל פּאַס:** אַ לעבן פון אַ מענטש, **אסתר הייטנער:** מיר נעמען זיך צו אַ פאַרשטאַרקטער אַרבעט, **אליעזר שינדלער:** שרה שענירער (ליד), **א. י. ליפּמאַנאָוויטש:** דער כוח פון פשטות, **זעלדא ראַוויטש:** די טרויעריקע דאַטע, **חנה ראָט:** די פאָרטזעצונג פון די קינדער, **מאַלי קאָלער:** דאָס ענוות פון דער גרויסער מאַמין, **העניע ויסקינד:** אל תטוש תורת אמך, **שרה חנה גוטער:** קראָקע דאַרף שטאַלצירן, **צירל נייגרישל:** אַזוי ווי איר רצון, **גיטל לויפער:** נאָענט צו איר, **קיילע שטראָך:** דער קינדער־צער, **רבקה האָראָוויץ:** ליכט דאַרפן מיר צינדן, **מרים טויבע שטיין:** אויף ווייטער, אויף אייביק, **פייגע אייבעשיץ:** דער גאָרטן איז געבליבן!, **אַ מאמר פון שרה שענירער. רבקה ראָזענבערג:** די בעטע היים, **מי ל קנעללער:** לאָמיר ציילן ספירה, **א. מ. ראַגאָווי:** דאָס אחריות פון מענטש פאַר זיינע מעשים, **אלטער שנור:** געקליבענע פּערל, **מאַשע גאָלדבערג:** אונדזערע און אירע, **רבקה ענגלאַרד:** רייד אדער לעבן, **לאה הויזמאַן:** ביי מיין טיש, **נחמה קליינער:** די איינזאַמע שפּעלעך, **לאה אָרלעאַן:** דער וועג אַרויף, **ביאָגראַפיע פון שרה שענירער, אלימלך שטייער:** אויף צוריקוועגס, **י. עמיאַט:** די איינציקע טרייסט. **אליעזר שינדלער:** פאַר די בענטש־ליכט, **העשיל קלעפּפיש:** דער רמב"ם, **ציפּאַ לעשינסקאַ:** אויפן וועג קיין ארץ־ישראל, אַ רוף צו דער יידישער פרוי, קאָנפערענץ פון דער בית־יעקב־לערערשאַפט אין קראָקע, זיצונגען פון דער בנות־עקזעקוטיווע, ידיעות פון דער בנות־צענטראַלע, ביבליאָגראַפישע נאָטיצן, באַריכטן פון שלושים־אָוונטן, רשימה פון זאַמלערנס פון ת"ח, רשימה פון זאַמלערנס פאַרן אָנדענק־העפט, מודעות.



**לאָדזש** **איר־סיון** **תרצ"ח**

# שלשים אונטן נאך דער פטירה פון שרה שענירער ע"ה

# די החלטות פון די לעצטע זיצונגען פון דער בנות־עקזעקוטיווע

מאנטיק און מאנטיק כ"ח—כ"ו ניסן האט אין לאדזש פאגיהאלטן איר דריטער פלע־נאר־סעסיע די עקזעקוטיווע פון „בנות" ס׳זענען צוגינומין גיוואָרן פאלגענדיקע החלטות.

א) די עקזעקוטיווע נעמט צו קענטניס דעם באַריכט פון צ. ס. פאַרן ערשטן האלבן יאָר תשר׳ ביסן צ"ח און אנערקענט די ארבייט אלס גינוג ענערגיש גיטוענע און גיפירטע מיט אחריות.

ב) כדי צו פאַרשטאַרקן די קולטור־ארבייט פון דער באַוועגונג ווערט גישאַפן ביי דער בנות־צענטראַלע א ספעציעלער קולטור־רעסאָרט אונ־טער דער לייטונג פון שול־דירעקטאָר נ. י. בערלינער ביי דער מיטארבייט פון א ספעציעלער קולטור־קאָמיסיע וואָס באַשטייט פון פרוי קאַן, פרוי הענע, פרל. פעלץ און פרל. ווייסקאָהל. דער רעסאָרט וועט פאַרברייטערן די קולטור־טע־טיקייט. צום קולטור־רעסאָרט וועלן זיך קענען ווענדן אלע סניפים מיט זייערע קולטורעלע ענינים.

ג) עס ווערן אויפגיפאָדערט די בנות־אָפטיילונגען צו שאַפן בשותפותדיקע זומער קאָלאָניעס פון ...

... צוועקגישטעלט ווערן אויף דער גיהעריקער גייס־טיקער און ווירטשאַפטלעכער הויך. די לייטונג פון ערשטן בנות־קיבוץ אין תל אביב זאָל באַשטיין פון פרל. גור־ארי׳, יוטא גאָלדקנאָפף און בלומע יונגסטער.

ח) די וויטערע קיבוצים פון עולות, וואָס וועלן זיך שאַפן, זאָלן באַשטימט ווערן די הויפט־פי־רערינס מיטן הסכם פון דער בנות־צענטראַלע אין פוילן.

## וועגן דער בית־עולות

ט) די עקזעקוטיווע נעמט צו קענטניס די איני־ציאַטיוו פון „קרן הישוב" צו שאַפן אין ארץ ישראל א בית־עולות אויפן נאָמען פון פרוי שע־נירער ע"ה און גיט ארויס אן־אויפרוף צו דער יידישער פרוי אין פוילן די אקציע צו שטיצן גאַנץ באַזונדער וועק די בנות־צענטראַלע אויפ־פאָדערן אלע בנות־עסקנות ארויסצואווייזן די מאַקסימאַלע אַקטיוויטעט פאַרן דערפאָלג פון דער אקציע.

י) די עקזעקוטיווע פאָדערט פון דער קרה"י ...

# פון דער בנות־אגודת־ישראל־צענטראַלע

דינסטיק פ׳ במדבר (28 מאַי) פאָרט אָפּ קיין ארץ־ישראל אינים שליחות פון דער בנות־צענ־טראַלע דער לייטער פונים צ. ס. א"ג פרידנזאָן. אין ארץ־ישראל וועט ה׳ פרידנזאָן פירן זיין ארבייט אין דער ליניע פון די לעצטע באַשלוסן פון דער בנות־עקזעקוטיווע. פאַר דער צייט וואָס ה׳ פ. וועט זיין אין א"י וועט דער צ. ס. זיין טעטיק גאַנץ נאָרמאַל און וועט ווערן אָנגי־פירט דורך דירעקטאָר נ. בערלינער. וועגן אלע א"י־ענינים קען מען זיך ווענדן ווייטער צום צ. ס. און דאָס וואָס וועט מעגלעך זיין צו דער־לעדיקן וועט איבערגישיקט ווערן צום פאַרטרע־טער פון צ. ס. אין וואַרשע רעד. ה׳ א. מ. ראַגאַווי. באַזונדער וועט ה׳ פרידנזאָן דערהאַלטן דורך לופט־פּאָסט מיט דער אגודה־צענטראַלע אין וואַרשע און מיטן צ. ס. אין לאָדזש.

די אַדרעס פון ה׳ פרידנזאָן אין ארץ־ישראל איז:

הרב דוד צבי זילבערשטיין (בשביל פרידנזאָן) יפו—תל־אביב, רחוב הקישון 85

ווי באַקאַנט איז צום יעצטיקן שעדיול גיוואָרן באַשטעטיקט דורך דער בנות־צענטראַלע א רשימה פון 40 הכשריסטקיס אויף פרויען־סער־טיפיקאַטן. אלע „שאַלונים" מוזן צוגישיקט ווערן דירעקט צו דער בנות־צענטראַלע, וועלכע ווערן גיחתמט מיטן זיגל פון צ. ס. אָן סטעמפל פון דער צענטראַלע וועט קיין „שאַלון" נישט אנער־קענט ווערן. בעת דער אַפוועזנהייט פון ה׳ פרי־דנזאָן וועט די „שאַלונים" אונטערשרייבן ה׳ בערלינער. פון די איינגישיקטע רעגיסטראַציע־בויגנס איז שוין איבערגישיקט גיוואָרן א גינויע מאָטיווירטע רשימה אין דער עלי׳־קאָמיסיע. אין דער לאָדזשער בנות אויפן נאָמען פון שרה

שענירער ע"ה גיפונין זיך יעצט 50 חברות פון אלע עקן פוילן אָן ע"ה. לעצטנס איז דער לאָ־קאַל פריש רעמאָנטירט גיוואָרן און בכלל זענען איינגיפירט גיוואָרן א ריי תקנות צום פאַרשע־נערן דאָס עסטעטישע אויסזעען פונים קיבוץ. די גייסטיקע פירונג גיפונט זיך אין דער האַנט פון פרל. באַטשע ווייסקאָהל, וועלכע ארבייט גאַנץ אינטענסיוו און פירט אויס איר אמט בשלימות. באַזונדער עקזיסטירט ביים קיבוץ א ספעציעלער קאָמיטעט וואָס זי העלפט אין פיל ענינים דעם קיום פון קיבוץ. ביזן חודש אלול איז אויסגי־שלאָסן דאָס אָננעמען נייע חברות צוליבן דוחק אין פלאַץ. אלע בקשות וועגן אָננעמען פרישע חברות ביזן חודש אלול ווערן אַבסאָלוט נישט באַנטפערט.

אין שייכות מיטן באַשלוס פון דער עקזעקוטיווע, ווערן אלע בנות־אָרגאַניזאַציעס וואָס פאַרשפּרייטן גישט דאָס בית־יעקב־זשורנאַל אנערקענט אלס דיסציפּלינלאָזע און זייערע בריוו בלייבן אָן ענטפער. די אָרגאַניזאַציעס קענין אבער נאָך דאָס מתקן זיין דורכן פאַרשפּרייטן אין א גיהעריקער צאָל עקז. דאָס היינטיקע אָנדענק־העפט.

דער לעצט גישאַפינער קולטור־רעסאָרט ביי דער בנות־צענטראַלע אונטער דער לייטונג פון דיר. בערלינער הייבט שוין אָן זיין טעטיקייט. עס ווערן צוגינגרייט א גאַנצע ריי פּלענער וואָס וועלן דעבאַטירט ווערן דורך דער קולטור־קאָמיסיע און דאַן פונאַנדערגישיקט ווערן. פון יעצט אָן אבער קענין זיך שוין ווענדן אלע אָפּטיילונגען מיט זייערע ספעציפישע קולטורעלע און פעדאַגאָגישע פראַגן צום ספעציעלן קולטור־רעסאָרט. אויף אלע פראַגן וועלן גיגעבן ווערן אויספירלעכע תשובות.

# ביבליאָגראַפישע נאָטיצן

Aleksander Halpern: „Rabin Aron Lewin" z cyklu: Udział żydów ortodoksów w walce o polskę niepodległą. Lwów 1935.

Nakł. czasop. „Straż Polska".

פיל מאָל ווען עס קומט אונדז אויס צו הערן אויף די שפאַלטן פון דער פרעסע א שלעכט וואָרט וועגן אונדז, לעזן מיר דאָס נישט אָן גי־פיל פון טיפער פאַרביטערונג; די און יענע אַנטיסעמיטישע שטים אויף אונדזער חשבון פאַר־שאַפט אונדז צער, „יידן זענען שוואַכליננגין" „האָבן ווייניק מוט" זענען ווייניק קעמפעריש —

איז גישט בלויז א שטילער און גרויסער „קאָבי־נעטס־מענטש", א מענטש פון פיל זייטיקער באַ־גאַבונג אין אלע מקצועות התורה און להבדיל אין וועלטלעכע וויסנשאַפטן, נאָר איז אויך א קעמפער פאַר דער פוילישער זאַך און איבערגי־געבינער פריינט פון פוילן, עס איז נישט דאָ ...

**ROLL NO.** 62-35-15

**RECORDS OF**

**Company** YIVO
print name of organization or user in inch high letters

| START | CONTENTS | FINISH |
|---|---|---|
| JULY-1931 | NEWS PAPER | MAY-1935 |

**OPERATOR** Albert Ostermann **DATE** 8/22/62

GRAPHIC CORP

**GRAPHDEX SYSTEM**

# END

MICROFILM GRAPHIC CORP.

GRAPHDEX SYSTEM

GMC-8 PAR. N.Y.